באט - 1.

ב א ט -- דער, =ן. „א גרויסער הילצערנער אדער מעטאלענער בעקן, וואס ווערט גענוצט אין די בעקערייען צום פארקנייטן דאס טייג" | קטוו ?, 1

ם | באט | ? ב א ט / ב ו ט -- דער, =ן. 1. שליח, פארשטייער. מהד: .BOTE

~~"דא לישן זיא איריא באטן גין געגן קרית יערים גוך.// דאש זיא און וולטן זאגן דער שרייך אישט ווידר קומן". שב, פערה 113.~~ 7

1541 " הין וועק רענט דער בוט אונ' זאך זיך אום ניט ווי אין דער טויבל יאגט ". בבא=בוך, 596. 7/א

1668 " דא קאם איינר פון זיינן ווארהארפיגן בוטן דיא ער אויש גיזאנט הט דש זיא זאלטן דיא ווארהייט דר פורשן ". יוסיפון, אמשטרדם, דף לז. 18

1743 " דא שיקט אריסטובלוס אים אנטקעגן באטן אונ' שיקט אים איין פריזאנט פון פיל גאלד". מ. מן, יוסיפון, אמשטרדם, דף פג. 19

2. מלאך.

"מלאכיו - זינא בוטן ' ל' שליחותו'". רייכלין 8, תה קד - ד.

1722 " זיי האבן גישפאט אן דיא בוטן פון גאט אונ' זיא האבן פר שמעהט [שעמט ?] זיין ריד". איבז משה פרנקפורט, [מחבר ?] מנורת המאור, אמשטרדם, דף | ר"יט ?|. 9

3. ידיעה, בשורה.

1694 " אזו זאגטן דיא איטלכר אין זיינר שטאט, אונ' בראכטן צו בצייגניש דער דא זיצט איבר טויזינט מייל. דער שרייבט באלד אונ' שיקט גוטי באטן ". היסטארישע אלעגאריע פון ר' מאיר ש"ץ, פירט, ציט 4

באד

י. ריווקינד, פש III, ז׳ 18.

0 באַטן זאַגר -- דער, =ס. אַנזאַגער, מבשר בשורה=ברענגער.

1709 " עס גלוסט מיך צו דר גאולה דז עז זעלטן הערן מייני אָרין דעז שטים פון באַטן זאַגר". איבז ר׳ לייב סופר בן חיים, קינות עם פירוש לשון אשכנז, פראַג, תס״ט. 487

באַט II -- דער, =ן. קליינע שיף. % מע האָט אַריינגעזעצט די פּאַסאַזשירן פון דער זינקענדיקער שיף אין די רעטונג=באַטן און מע האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין.

1885 " האָט ער איבערגעצויגן איין שטריק ביז דעם באַט און האָט אים פאַרטשעפּעט אין דער דעם מאַסט". איבז י. ראַווינסקי, [מחבר?] דער פאַלשער שולדבריעף, וואַרשאַ, ז׳ 70. 20

1867 " לאָזט מען אַראָפּ צוויי באַטן [...] אין יעדן באַט זענען דאָ פיר געשיקטע רודערער, איין שטייערמאַן און איין האַרפּוניער". וואַרשויער יודישע צייטונג, שנה ראשונה, נ׳ 8, ז׳ 91. 2

באַט III -- דער, =ן. אַנבאַט, פירלייג (ס׳רוב ביי קויף/פאַרקויף). % דער באַט פון דעם קונה איז געווען צו נידעריק און פון דעם עסק איז גאָרנישט געוואָרן.

ם 1752 " און׳ וועך דוא יענמש סחורה ווילשט קויפן זאלשטו בלד דיין באַט זעצן וואש דוא אין דיינם זין האשט בדעה צו געבן ". עח, פיורדא, לד - 4. 21

ב אָ ט IV -- דער, =ן. ( ס׳רוב געניצט אין מצ )
שיך מיט הויכע כּאַליעווקעס, ס׳רוב פון גומע/פלאסטיק.
געניצט אין רעגן, שניי. % ס׳גיסט א רעגן, דארף מען
אנטאן די באטן.

1973 " |...| אויף גיך ארויפגעווארפן אויף זיך א ברייטן
מאנטל, נישט פארשפיליעט די באטן ". חג, פאר, 14
2/IX.

ב אָ ט V -- דער, =ן, וועגבאַט [ מארק ווב ] --
געוויקס ( ווסנ (PLANTAGO.
P: BABKA PRZYDROŻNA.

ב א ט אָ ג I -- אדוו ----> ביי טאג.

ב א ט אָ ג II -- דער, =ן. ----> בייטאג.

ב א ט אָ ג ט -- אדי / אדוו. אלט, אין די עלטערע
יארן; זאט אין טעג.

1881 " עס האבן זיך כמעט געהויבן ביי איטלעכן די פיס
צום טאנצן, ניט נאר ביי קעסטקינדער, נאר אפילו
ביי באטאגטע בעלי=בתים". מ. שאצקעס, דער יודישער 46
פאר פסח, ווארשא, ז׳ 121.

1911 " [...] א משרת נאך פון בהורוויז אן, א צינד
שוין א באטאגטער ייד, מיט א בארד". ממוס,
די קליאטשע, ווארשע, קאנק 957890.

1941 " און דער מלך דוד איז געווען אלט און באטאגט
| אדוו |". תי, מלכים א׳, א - 1. 30

קייט. מצב פון אלטקייט, עלטערע יארן. % באטאגטקייט
ברענגט מיט זיך א סך נסיון; אבער א מאל ניט ווינציקער

ב <u>א</u> ט א ג ט - <u>אדי/אדוו.</u> אלט, אין די עלטערע

יארן; זאט אין טעג. % צו אלע שיכטן פון <u>הײַנטיקע</u> יידישער, און בײַ [illegible].

1881 " עס האבן זיך כמעט געהויבן ביי איטלעכן די פיס

צום טאנצן, ניט נאר ביי קעסטקינדער, נאר אפילו 46

ביי <u>באטאגטע</u> בעלי=בתים". <u>מ. שאצקעס, דער יודישער</u>

<u>פאר פסח, ווארשע, ז' 121.</u>

1911 " |...| א משרת נאך פון בחורווייז אן, אצינד

שוין א <u>באטאגטער</u> ייד, מיט א בארד". <u>ממוס,</u>

<u>די קליאטשע, ווארשע, קאנק 957890.</u>

1941 " אין דער מלך דוד איז געווארן אלט און <u>באטאגט</u>

|אדוו|". <u>תי, מלכים א', א - 1.</u> 30

|| <u>=קייט.</u> מצב פון אלטקייט, עלטערע יארן. % <u>באטאגטקייט</u>

ברענגט מיט זיך א סך נסיון. ~~אבער א מאל ניט ווינציקער~~

~~[illegible]~~.

ם <u>ביטאגט.</u>

1679 " אונ' זיא וואריןביידע אברהם אונ' שרה אלט

אונ' וואול <u>ביטאגט</u>". <u>בליץ, בראשית, י"ח - י"א.</u> 35

ב אַ ט אָ ג י ק -- אדי/ אדוו. -----> בייטאגיק.

ב אַ ט אָ ג י ש -- אדי/ אדוו. בייטאגיש.

ב אַ ט אָ ג ן -- טרוו. (לשון) מאכן ס'זאל זיין טאג, ס'זאל זיין ליכטיק.

1908 " דו זאלסט די ליכטיקייט דארטן קענען [...] טראגן // און יענע פורכטבארע גרענעצן באטאגן". 60

מר, שריפטן I, פּאעזיע, נ"י, ז' 181.

... " איך האב מיט שמערץ געזוכט, מיט פרייד געפונען // דאס ריינע ליכט, וואס וועט מיין נאכט באטאגן". 61

דצוו, ז' XIX.

באטאגן זיך -- אוטוו. געניצט נאר אין דער פראזע: 57

[7] ~~באטאגן זיך~~ דער טאג זאל זיך ניט באטאגן און די שעה זאל זיך ניט באשעהען -- (א)לוואי, ס'זאל נישט געשען, ס'זאל ניט פארקומען ( ווען אן אומגליק אע)

ב אַ ט אָ ו ו ל ט -- אדי/ אדוו. ארייַנגענומען אין טאוולען, אין הארטן איינבונד ( וועגן א בוך ).

% ניט אלע עקזעמפלארן פון בוך זיינען באטאוולטע, טייל זיינען נאָר בראשירט.

ב אַ ט אַ ט ע -- די, =ס ~~258 סטוטש~~ זיסער שפאנישער קארטאפל ( ווסב ) IPOMEA BATATAS

E: Sweet potato [11.1.1c]

ב אַ ט אָ ל ט -- אדי/ אדוו. ( שנש ) וואס איז מיט טאָלן.

1925 " די געגנט דא // באַבארגט, באטאלט // פון אונטן

באט - 5.

גרין, // פון אויבן גאלד" ז. ווײַנפּער, גאלד און גרין, נ"י, ז' 42. 94

1968 " באַטאַלט, באַבאַרגט איז אויסטערליש די ערד" לע, אפּקלייב, נ"י, ז' 53. 64 / באב-82

ב אַ ט אַ ל יאָ ן -- דער, =ען. 1. אפּטייל פון סאלדאטן, טייל פון א פּאָלק ( רעגימענט ), צווישן 300 - 700 מאן אין שלום=צייט. % אין דעם באַטאַליאָן איז דא אויך איין ראטע פון קוילן=ווארפערס.

1935 " יעדער באַטאַליאָן באשטייט פון דריי שיסער=ווזוואדן, יעדער ווזוואד [קאמפּאניע] באשטייט פון דריי שיסערטיילן [...]". | איבז[...] אי. מיקטענקא, פרימארגן, בערדיטשעוו, ז' 508. 66

1947 " די יידישע קאמפּאניע אין דעם באַטאַליאָן בשעת דעם בירגערקריג אין שפּאניע האט מען אנגערופן אויפן נאמען פון דעם אין לעמבערג [...] דערשאסענעם יידישן ארבעטער נפתלי באטווין ". רעד' ר. מאהלער, יזב טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 159. 70

2. א גרעסערע מחנה וואס איז ארגאניזירט צו א געווישן קאמף, געשלעג אע.

1919 " די הערשנדע סאציאליסטישע פּארטיי צווישן יידן איז ניט מער ווי א באַטאַליאָן אין דער אלגעמיין אמעריקאנישער ארמיי, וואס מוז אנווענדן איר גאנצע קראפט אויף דעם פּאליטישן קאמף". [...] זשיט, שריפטן X, נ"י, ז' 230. 68

1973 " די ידיעות האבן דערציילט [...], אז אין די אסומיקע וועלדער זענען שוין פאראן פוילישע אויפשטענדלער=באַטאַליאָנען". 67

3. ( שגל ) באַטאַליאָן שטאַלגוווו | טאנקען |.

א) א באטאליאן פון דער יידישער מיליץ אין ווארשעווער
געטא, וואס האט א שעה צייט געמאכט איבונגען אין
דער בלאטע. ב) די יידן וואס מוזן דורגיין דעם
געטא=טויער אויף זשעלאזנע, (און וואגאנס?) מארשירנדיק ~~[illegible]~~
צו פיר, מע צווינגט זיי [...] לייגן זיך אין בלאטע,
קריכן אויף אלע פיר". [בלום, יישפ XVII - I, 1957.]

|| באטאליאנצעס -- מצ. (שגל) אוקראינישע און
פוילישע פאליציי - יאנעוו ביי פינסק, 1942 א? 75
[בלום, יישפ. XVII - 1, נ"י, 1957.]

0 ארבעט=באטאליאן - (שגל) מחנה מאבילזירטע אדער (?נ?)
ארעסטאנטן וואס די דייטשן האבן געצוווּנגען צו
ארבעטן פאר זיי, ס'רוב יידן פון די געטאס און
לאגערן.

1968 " נאך דעם אונגארישן מיליטער האט מען געשיקט
יידישע ארבעט=באטאליאנען [...] צו באדינען דאס 74
מיליטער [...]". ש. רוזמאן, יזכ קאפוטוראס- 379 בעד
מרמורש, רחובות, ז' רפ"ט.

(טשעש?)
באטאליזירן -- טרוו. ארייןברענגען עלעמענטן
פון מלחמה, שלאכט אין דער קונסט/שפראך.

1946 " דאס באטאלישע ווארט איז ארויף אויפן סאמע
איבערפלאך פון דער שפראך [...], ארייגעבראכט 76
געוויסע איכותדיקע ענדערונגען [...], באטאליזירנדיק
די אויף א געוויסן אופן". ע. ספיוואק, די שפראך,
אין די טעג פון דער פאטערלענדישער מילכאמע, קיעוו.

|| באציע -- די, בא. אקט/ רעזולטאט פון באטאליזירן. באטאליזאציע
1946 " די געוויסע באטאליזאציע פון דער שפראך האט
זיך קאנטיקער [...] געפילט." דצוו. 76

-- דער, =ען.

1946 " מיט דער אלגעמיינער באצייכענונג באטאליזמען

מיינען מיר [...] דעם באקאנטן, דעם אלגעמיינעם 76

געברויכלעכן לעקסיקאן פון מיליטערישן כאראקטער".

דצוו.

באטאליש -- אדי / אדוו. וואס איז שייך צו באטאליע,

שלאכט, מלחמה.

1946 " דאס באטאלישע ווארט איז ארויף אויפן סאמע אייבער-

פלאך פון דער שפראך". דצוו. 76

באטאליזם -- דער, בא. מאגן=קראנקייט, וואס

קומט פון פארגיפטונג מיט געוויסע מינים ווורשט.

1937 " די קראנקייט הייסט באטאליזם [...]. דער מיקראב

הייסט אויף לאטיין 'באטאלינוס', וואס באטייט 78

'ווורשט', ווייל צום ערשטן מאל האט מען אים

אנטדעקט און באשריבן ביים אונטערזוכן דעם איינגעווייד

פון א קראנקן, וואס איז פארגיפט געווארן מיט ווורשט".

פגעז, נ' 7 - 8, ווילנע.

באטאליע -- די, =ס. 1. שלאכט. % אין דער

מלחמה זיינען געווען א סך בלוטיקע באטאליעס.

1882" אין דער באטאליע זענען געפאלן 4 יידן". מ. קירעה,

ייפאל, נ' 16, ז' 204. 84

1910 " מיט דער העלער באלויכטונג פון שריפות=

פלאמען און באטאליע=מוזיק.". פרוג, אלע שריפטן !!!, 81

נ"י, ז' 157.

~~באטאליע"א / בטאליע~~

1. ---------

1952 " נאכשלעפן זיך נאכן רוסישן מיליטערישן אבאז איז
דאס זעלבע, ווי גיין אין פייער אריין. א גרויסע 87
באטאליע איז היינט=מארגן אומפארמיידלעך ". זש,
קיסר און רבי, V, ז' 311.

2. געשלעג, שארפע אמפעריי, מחלוקת.

1931" און דאס וואס סע וועט זיך אבהייבן א באטאליע ,
איז גארנישט?". מק, זעלמענ יאנער I, מאסקווע, 83
ז' 59.

1961 " [...] א פאלקאווניקס א זונדל, וואס איז פאר-
ווונדעט געווארן אין דער אקטיקער באטאליע". 85
פ. רודאי, פאר, XI /26.

ם באטאלי"א / בטאליע.

1716 " אונ' דש היר איז אויש גאנגין צו דעם אן ריכטן
אויבן איז גישטאנדן וואש אן ריכטן איז כלומר דיא 65
באטאלי"ה פון דער מלחמה". סהמב, שמואל א,
ווילהרמרשדארף, דף נ"א - I.

1724 " אלש דאש האט גיזעהן יהודה אזו איז ער גישפרונגן
אונטר דער בטאליע פון די פוס גייאר דיא מיט זיא 88
גישטריטן האבן ". אלכסנדר עטהויזן, בית ישראל
ובית הבחירה, אמשטרדם, דף ב.

באטאמעטער -- דער, =ס. אינסטרומענט מיט
וועלכן מען ציט ארויס פון טיפערע וואסערן ( ים,
אזיערע אע ) פראבעס פון דער וואסער פאר פארשונג=
צוועקן.

באטאן I -- דער, =ען. ספעציעל שטעקעלע פון
ארקעסטער=דיריזשארן [סטוטש 285]. % דער דיריזשאר
האט א גיב געטאן זיין באטאן, און דער ארקעסטער

האט אנגעהויבן שפילן.

ב אַ ט אָ ן !! -- דער, =ען. א לעבל ( ברויט ) פון
א לענגלעכער צילינדרישער פארעם. % אלע
טאג קויפט ער צווי פרישע באטאנען ברויט.

ב אַ ט אַ נ י ק -- די, בא. די וויסנשאפט וועגן
געוויקסן. % דער נאמען באטאניק שטאמט פון גריכיש
און באטייט "גרינוואַרג".

1947 " נעבן הויז איז פארפלאנצט געווארן א גארטן מיט
פארשיידענע |...| געוויקסן כדי צו באקענען די 110
קינדער מיט באטאניק". רעד' ר. מאהלער, יזכ
טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 73.

ער =!! ( =ין ), געלערנטער וואס פארנעמט זיך מיט
שטודירן באַטאניק, די וועלט פון געוויקסן. % קארל ליננעי
איז געווען דער ערשטער באטאניקער, וואס האט זיך פאר-
נומען מיט סיסטעמאטיק פון געוויקסן.

1863 " [...] האט זיינע קינדער זייער גוט ערצויגן
די זין האט ער געמאכט אלע פאר שרייבער [...], 114
באטאניקער |...|". [ איבן ? ], סיפורי הורדוס,
ווילנא, ז' 22.

ב אַ ט אַ נ י ש -- אדי. וואס איז שייך צו באטאניק,
צו געוויקסן.

1912 " אזעלכע ביישפילן זיינען [...] פיל סיי אין
דער באטאנישער סיי אין דער זאָאָלאָגישער וועלט." 119
זשיט, שריפטן, !!, נ"י, ז' 97.

0 באטאנישער גארטן -- דער, באטאנישע גערטנער.
א גארטן מיט ספעציעל צונויפגעזאמלטע געוויקסן,
וואס דינט צום לערנען די באטאניק.

1947 " עס איז איינגעריכטעט געווארן א באטאנישער גארטן
מיט הונדערטער פלאנצונגען פון פארשיידענע לענדער". 121
רעד' ר. מאהלער, יזב ששענסטאכאווער יידן, נ"י,
ז' 66.

באטאנען -- טרוו. 1. אקצענטירן, שטעלן דעם
טראפ אויף א געוויסן טראף אין א ווארט, שטארקער
ארויסברענגען א געוויס ווארט אין זאץ. % אין יידיש
באטאנט מען בדרך כלל דעם ווארצל פון ווארט. " דו
דארפסט ניט גיין צו אים ", - זאגט די מאמע און זי
באטאנט דווקא דאס ווארט 'דו'.

1955 " ווען מיר פרוּוון מעסטן אשס פראזע מיטן מעטרישן
מאסשטאב, ד"ה מיט דער געמאסטנקייט און געציילטקייט 105 / ביי 3403
פון די באטאנטע פאזיס און אומבאטאנטע קלאנגען
[...]". ה. ש. קאזדאן, יישפ XV - 2, ז' 45.

2. ( פיג ) אין ריד/ שריפט אויסטיילן, ארויסהייבן,
אונטערשטרייכן א געוויסן געדאנק, מיינונג,
פאקט אע. % דער שרייבער באטאנט כסדר דעם אנטער-
שייד צווישן ביידע פערסאנאזשן. אלע רעדנער האבן
באטאנט די וואקסנדיקע סכנה פון אנטיסעמיטיזם.

1940 " מען קאן [...] אויסטייטשן די [...] אייראפעישע
געשיכטע אויף אלערליי אופנים |...| און באטאנען 130
אירע גייסטיקע מאמענטן ". קאר, שריפטן II,
נ"י, ז' 10.

1953 " ווען דער אנטיקער גריך האט באצייכנט אלע אנדערע
פעלקער אלס 'בארבארן' [...] האט ער דערמיט באטאנט, 128 / באך 411
אז ער איז דער איינציקער, וואס איז מסוגל געווען

צו שאפן א ווערטפולע ציוויליזאציע". גרינ, איד און וועלט, נ"י, ז' 1.

1957 " און נחמן האט דעם ענין גוט |...| אויסגעבראכט און דערקלערט : // דער עיקר, האט ער אונטערשטראכן, שארף באטאנט // איז דאס, וואס יעדערער פון אונדז איז אויסגעוווארצלט |...|". הר, פאר-נאכט, ל"א, ז' 155 -156. 131

||באנג -- 1. טראפ, אקצענט אויף א טראף, וואקאל.

1955 " דער דיכטער |...| לייגט נישט קיין אכט אפילו אויף דער צאל באטאנונגען און ער שטעלט צונויף זיין גאנץ ליד פון אזעלכע גרופעס ". הוש, קאזדאן, יישפ XV- 2, ז' 36. 100

2. ( פיג ) אויסטיילונג, אונטערשטרייכונג, ארויסהייב פון א געוויסן ענין, געדאנק א.ע.

1972 " געהערט דאס צו די אראטארישע מיטלען פון באאיינדרוקן און פארגעדענקען די [...] באטאנונגען". י. קאהאן, צוק, דעצעמבער, ז' 411. 98 בא 111.

באטע - פאדי/ פאדור. 1. וואס האט דעם אקצענט, דעם טראף ( א וואקאל, טראף ),

1978" ביים אויסרעדן באטאנטע וואקאלן און דיפטאנגען דינט געוויינטלעך ווי דער אנווייזער דער אויסלייג". ימ, גראמאטיק [...], נ"י, ז' 29. 103/א

....................................................

באמ: געבן א באזונדער פאזיציע?

....................................................

2. ( פיג ) אונטערגעשטראכן, ארויסגעהויבן, אויסגעטיילט.

1953 " דער באטאנטער [...] רעספעקט צו זיך אליין איז ניט פארוואנדלט געווארן אין קיין פאראכטונג צו 103

אנדערע פעלקער ". גרינג, איד און וועלט, נ"י, ז' 43.

=(ט) קיקס. מארק דוב 1510 אקצענטירטקעס.

ם [באטאסטן] ב אָ ט אַ ש ט י ן -- באטאפן, באזוכן.

1679 " דוא האשט אלי מיין הויז ראט ביטאשטיט, וואש הושטו נון פון דיינש הויז ראטש גיפונדין ". בליץ. בראשית, ל"א - ל"ז. 205

ב אָ ט אָ ס ק ע נ ע ן -- טרוו. ( רעג, ליטע ) „אויסשמירן מיט בלאטע דעם אייבערשטן בגד, שטארק באשמוצן " [קטוו]. ? נ ? 142

ם| באטאפלען | ב י ט א פ ל י ן -- טרוו. טאפלען, מאכן צווי מאל גרעסער.

1744 " [...] אדער עש ווערט פר ענדירט איין גווישר שטאנד פון דיא זואן דען ווערט ביטאפילט דש שטארקי איין האלט פון דעם אום לויף דארך זיין שטארקן לויפין דען קומין אך דיא פלאגונג ". בע, דף י"ח - 2. 146

ב אָ ט אַפּ ן -- טרוו. 1. אנרירן מיט די הענט ( ווי אויף צו באזוכן, אויסגעפּנען עפּעס. % דער קונה באקוקט און באטאפּט די סחורה פון אלעזייטן. דער פאליציאנט האט באטאפּט דעם ארעסטירטן, צי ער האט אפשר געווער.

1876" דער שרעקלעכער מענטש גייט גלייך צו אונדז [...] און באטאפּט אלע מענטשן [...]". איין שיינה מעשה פון צענטארע ווענטארע, זייטאמיר. 158

1934 " [...] וואלט ער נישט מיט די הענט געדארפט די
פנימער באטאפן // און מורא האבן ווי א קינד". 181
מלה, לידער II, נ"י, ז' 136.

1974 " גאלדע האט ווידער א קוק געטאן צו לאהן - קיין
צייכן פון בלוט ... גאלדע האט זי איבערגעדרייט, 149
באטאפט". י. עלבערג, אויפן שפיץ פון אמאסט,
מאנטרעאל, ז' 166.

2. ( גלש )"באגנבענען" [קטוו].

באטאפן זיך -- רעפל צו ב 1.

1924 " בענעדיקט באטאפט זיך זיין גוף, קוקנדיק צו
זיין ווייב מיט אשעמעוודיקן שמייכל". ע. ווארשאווסקי, 164
זש' כאליאסטרע, ב II, פאריז, ז' 36.

1926 " ער האט דעם חוש=המשוש - באטאפט ער זיך און
באטאפט די וועלט [...]". מק, מאנטיק, ציט אנט 145
ז' 603.

7/ באטאפן מיט די אויגן/בליקן -- באקוקן פארשעריש,
מיט חשד, ווי אויסצוגעפינען עפעס.

1964 " בליקן באטאפן פארשעריש דעם אויסדרוק פון די
טיף געקארבטע ווינקלען ארום זיין מויל". י. קאפלאן, 159
שליאך און אומוועג, ת"א, ז' 234.

1974 " [...] האט צאַליע לופּ באטאפט מיט די אויגן זיינע
קרעמער |...|". חג, פאר, II /3.

ב אַ ט אַ ר יי (ע) -- ----← באַטעריע.

באָטווינע -- די, באַ. פּפּ באָצווינע ( ווייזער 3), Uk: ботвина; P: boćwina
באָטשווינע.

1. גארטן=געוויקס ( ווסנ BETA VULGARIS ),
ווערט קולטיווירט צוליב די בלעטער, וואס מע ניצט
ווי א גרינס. % צו די ווארצלפּרוכטיקע געוויקסן
געהערן דער בוריק, די באָטווינע, די צוויקלע א"א.
[1972 ?] " איך |...| בין אינעווייניק געווארן ווי א בלעטל
פון דער באָטווינע". ח. ראזענפארב, דער בוים 213
פון לעבן, III, ת"א, ז' 131.

2. די שטענגלעך און בלעטער פון ווארצלפּרוכטיקע
געוויקסן, ווי פון בוריקעס, באָטווינע, צוויקלע אא.
~~%=בת=באצע=האז=ארחתנעבראקט=אחם=געקעכטס=קארטא|ך~~
% די מאמע האט אריינגעבראקט אין געקעכטס קארטאפל,
באָטווינע, עטלעכע מערן.
1951 " אין מיטן זומער פלעגט מען שוין קאכן באָטשווינע
( בלעטער פון בוריקעס ) געמישט מיט שטשאַוו |...|". 1039
ה. אבראמאוויטש, זב ליטע I, נ"י, ז' 418.

3. די זופּ פון באָטווינע, בב 2. % די בעסטע מאכלים
זיינע זיינען א בוריקעס=בארשט אדער א באָטווינע
פארווייסט מיט מילך.
1868 " האט זיך געוואשן און האט זיך געזעצט קיין טיש
און האט זיך ראמאנסירט א לאנגע צייט מיט דעם לאבן 1043
ברויט מיט די שיסל פארווייסטע באָטווינע". אמד,
עוזר צינקעס און די ציג, ווילנא.
1888 " אט אזא האבן זיי זיך געקוויקט מיט קאלטע באָטווינע
|...|". מ. א. שאצקעס, בילדער פון דער ליטא, 212
ייפאל, נ' 1. קיעוו, ז' 178.

קאשע מיט באטשווינע -ס/ געמיש, זאַכן וואס פאסן זיך נישט, האבן נישט קיין שייכות איינס מיטן אנדערן.

1958 " מיין געבילדעטע טאכטער, קאשע, בארשטש, באטשווינע און פסחדיקער וויין [...]". ש. מיימאן, טאג VII/5. 1039

מישן קאשע מיט באטשווינע -- [illegible]

1881 " ער [דער מגיד] האט געוויזן קונצן איבער קונצן, ער האט געמישט קאשע מיט באטשווינע". מ. שאצקעס, 1038
דער יודישער פאר פסח, ווארשע, ז' 553.

באטוטא -- די, בא. מאַנץ [סטוטש 515].

באטוטע -- די, =ס. שטעקעלע פון דיריגענט פון אן ארקעסטער / כאר. % דער דיריגענט האט געגעבן א מאך מיט דער באטוטע און דער גאנצער ארקעסטער איז אנטשוויגן געווארן.

2. (פיג) אנפירונג פון אן ארקעסטער / כאר.
טעאטער=טרופע, אע.

1958 " אונטער דער באטוטע פון א געניאלן רעזשיסער באווייזן די "הבימה" = ארטיסטן זייער הויכן גאט=געבענטשטן טאלאנט". א. ש. יוריס, זש' היימיש, 217
אדר, ז' 10 - II.

באטויבן -- טרוו. 1. טויב מאכן, דורך שטארקע קלאנגען / גערוישן גורם זיין דאס ניט קאנען הערן; פארהילכן, פאר(ה)לושען. % די כסדרדיקע קאנאנאדע האט ממש באטויבט די ארטילעריסטן, זיי האבן שוין ניט געהערט וואס זיי אליין רעדן.

1937 " דער איינגעבויגענער גוי ציט ארויס די צעטלעך

[...] און לייענט הויך, ווי א באַטויבטער [פאַדער] 221
פון דעם [...] געוויש ". י. סמאַליאַזש, היים און
פרעמד, ווארשע, צייט אנט ז' 407.

2. מאַכן אומשפּירעוודיק פּיזיש דורך אַרקאַז, מיט א גיפט,
מיט א שטאַרקן קלאַפּ אָדער מיט אַנדערע מיטלען.
% אָפּיום איז א שטאַרק מיטל צו באַטויבן א מענטשן.

1836 " אַפילו ווייַן זאָל מען אויך ניט געבן [דעם קינד]
צו ברענגען אים דורך דעם שלאָף, ווייל דאָס קאָן 243
באַטויבן [טעקסט: בעטייבן]". מ. בערלאַנט,
די גליקליכע מוטער, ווילנא, ז' 55.
(כדאַי: כ'האָב מסופּק און פּאַסט פּאַטאַ'ליז)

1883 " זאָלסטו [...] זיי געבן טרינקען, ביז זיי וועלן
באַטויבט ווערן [...]" איבז נ"ר [ראַכילעס], 230
א. מאַפּו, אהבת ציון, ווארשא, ז' 143.

1931 " דאָס האָבן זיי [די הידרעס] באַטויבט
אַן אומפּאַרזיכטיק חיהלע [...]". ש. בלום, דער בוים 235
פון לעבן, נ"י, ז' 41.

3. ( פיג ) אומשפּירעוודיק מאַכן גייסטיק, שטאַרק
איבעראַשן; פּלעפן, פאַרשמעליען. % די שרעקלעכע
ידיעה האָט זי ממש באַטויבט און זי האָט ניט געוווּסט
וואָס אַרום איר טוט זיך.

1875 " די זע [אַט די] איובס פּאַטשט [נייעס] האָט
אים גאַנץ באַטויבט אויף איינער האַלבער שטונדע". 240
אמד, דער בן=יחיד, ווילנא, ז' 61.

1929 " געדיכטע ריחות, שטיקנדע ריחות שטייגן אַרויף,
גייסטיק פאַרשיכּרנד[יק]ע, הערצער באַטויבנד[יק]ע, 246
דעם זין פאַרווירנד[יק]ע". דא, שוואַרץ=רויט,
ווארשע, ז' 91.

1945 " [...] כדי צו באַטויבן דעם מוח פון לאַגערמענטש,
אים צו מאַכן פאַרגעסן אין זיין מאַרש צום טויט". 236
י. איידמאַן, ממעמקים, געטאָ=לידער, בוקאַרעשט, ז' 11.

באַש - 17.

באַטאָוויבונג ||

אַרבונג. || 1. אַקט / רעזולטאַט פון באַטויבן. צו ב 1:

1956 " אונדזער געזאַנג איז געוואָרן באַטויבונג". יג, פון מיין גאַנצער מי, נ"י, ז' 67. 239

צו ב' 2:

1836 " די קעלט ווידער מאַכט [ מעובכתע פרויען] בעטייבונג, פערקילונג אין די גלידער [...]". 225
מ. בערלאַנט, די גליקליכע מוטער, וואַרשאַ, ז' 9.

1928 " ע"ד גזירת השחיטה רק ע"י באַטויבונג בפנים או ע"י עלעקטער". הרב מ. ל. ווינקלער, שו"ת לבושי מרדכי, בודאַפעשט, שאלה נו, דף מ/2. 223

צו ב 3:

1875 " ווער קען באַשרייבן דעם יאַמער, די באַטויבונג, די פאַרצווייפלונג פון דיזער [זאָ דער] גליקלעכער פאַמיליע אין דיזער [שרעקלעכער] נאַכט". אמד, דער פינדלינג, ווילנא, ז' 46. 220

1962 " די גאַנצע צייט [...] האָט ער געלעגט אין באַטויבונג און אין באַרוישונג פון זיג." ש. וויגאָדאַ, פאַר, 12/X. 226

2. מין קראַנקייט, אַרויסגערופן דורך געוויסע מיקראָבן; סטאָלבניאַק.

1921 " נאָר אייניקע קראַנקמאַכנדע מיקראָבן, ווי, צום ביישפּיל, די פלעקעלעך פון דער סיבירער קרעץ און באַטויבונג ( столбняк ) האַלטן אויס אַ קורצע ווײַלע, אַפילו ווען מען קאָכט זיי". 219
איבז ל. יאַכנאָוויטש, פון ד' זאַבלאָצקי, אַנשטעקנדע קרייַנק, אָדעס, ז' 56.

באַטויבט -- פּאַדי/ פּאַדי פון באַטויבן. 1. וואָס קאָן ( כמעט ) ניט הערן. וואָס איז געוואָרן ( כמעט )

טויב; פארטויבט. % נאך דער שיסעריי און קנאלן
פון די באמבעס זיינען די לעבן=געבליבענע ארומגעגאנגען
באטויבטע א לאנגע צייט.

2. פיזיש אומשפירעוודיק צוליב נארקאז, טראומע אא.
דער זעץ אין קאפ האט אים געלאזן באטויבט
עטלעכע מינוט.

1958 " זיי זיינען געלעגן [...] פארבלנדענע, מיט נאך
[...] פארבלוטיקטע קעפ. [...] לעקורב [ איז 233
געווען] צופרידן פון זייער פארשלאפענעם און
באטויבטן אויסזען". זש' פאריזער צייטשריפט,
נ' 21, פאריז, ז' 81.

3. ( פיג ) געפלעפט, פריטשמעליעט, גייסטיק אומשפירעוו-
דיק.

1928 " מענדל איז געזעסן ווי א באטויבטער". א. שאמעס,
מענדל רויטקאפ, ווארשע, ז' 7. 229

1958 " מיר זיינען ארומגעגאנגען אזוי ווי באטויבטע,
נישט געקאנט קיין סך טראכטן [...]. אונדזער איינציקער 232
שאנס צו בלייבן לעבן איז געווען דער בונקער."
זש' פאריזער צייטשריפט, נ' 26 - 27, ז' 138.

=הייט/קייט -- מצב פון זיין באטויבט, אלע בב.

1865 " דאס אלץ האט אויפגעוועקט די דארטיקע יידן
פון זייער באטויבטהייט, זיי קוקן זיך אום, 234
אז ערגעץ אנדערש זענען יידן גליקלעך. קמ,
נ' 31, ז' 478.

=ערהייט. % באטויבטערהייט האט ער פונדעסטוועגן
נאך באוויזן ארויסצולויפן פון דער צעבאמבירטער
שטוב.

באט - 19.

0 באטויב=מיטל. % מען האט ארעסטירט א פארדעכטיקן אין האנדלען מיט העראין און אנדערע באטויב=מיטלען.

ב א ט ו י ע ן -- טרונ( ס'רוב געניצט אין פאסיוו: באדעקט ווערן/זיין). 1. באדעקן מיט טוי, ראסע,

1908 " און יענע סטעפעס פול מיט אנגסט און שרעקן // מיט טוי באטויען און מיט גראז באדעקן ". מר. I, נ"י, ז' 182. 254

1917 " וועל איך שיינע פרות טראגן - // גרויס און רונד און פריש באטויט ". יהואש, פון ניו-יארק ביז רחובות, נ"י, ז' 186. 247

1926 % עס שפרייטן זיך שוין שטראלן // אויף מיין באטויטן פאדיל וועג [...]". סעג. פאעמען, ווארשע, ז' 144. 253

2.( פיג ) פייכט מאכן ווי מיט טוי, אויפפרישן, אויפלעבן, אויפמונטערן.

1927 " בליט רויט מיין צוויט, מיין פרי שפראצט [...] באטויט | פאדערט פון אייגן בלוט [...]". מ. סקאטש, אויף גאסט באראט, נ"י, ז' 52. 249

1932 " גוטע מענטשן, // באטויט אים מיט אייער ווארעמען אטעם [...]". הל, קידוש השם. 248

1957 " זאל נישט אויסמיידן די באגערן, וואס באטויען די אויגן פון א פרוי ". מ. שעליובסקי, אין דער וועלט אריין, [...], ז' 63. 260

באטויען זיך - רעפל.

" עס האט די גאל געקערט, // ווען ס'האט זיך אין דעם אנגסטנבלוט באטויט די ערד". בראד, איבערגאנג, ז' 6. 250

באטוליזם -- ( מעד ) פארגיפטונג מיט פארדארבענע
פלייש, וורשט, פיש, שלעכטע קאנסערוון, ווערט ארויס-
גערופן דורך דער באקטעריע באַטוליגוס (BACILUS BATULINUS)
קען ווערן א געפאר פארן לעבן,
רופט ארויס פאראליז פון פארשיידענע מוח=נערוון.

1937 " די קראנקייט הייסט באַטאַליזם |...|. דער מיקראב
הייסט אויף לאטיין ' באַטאַלינוס', וואס באטייט 78
' וורשט', ווייל צום ערשטן מאל האט מען אים
אנטדעקט און באשריבן ביים אונטערזוכן דעם אינגעווייד
פון א קראנקן, וואס איז פארגיפט געווארן מיט וורשט".
פגעז, נ' 7 - 8, ווילנע.

ס [ באטומלט ] בּאַט מ'ל ט -- אדוו. פארטומלט, געפלעפט.
? | " הלום - בטמלט, כמ' הולם פעם ( ישע' מ"א, ז )".
רייכלין 8. תהילים, עג - ?.

........................................
באמ: ניט קלאר רייכלינס טייטש.
יהואש: ישיב עמו הלם -- קערט זיך זיין פאלק אהינצו.
........................................

באַטיאַר -- דער, מצ באטיארעס, פּפּ באטשאר(זש),
באטיער [ ? ]. הפקר=יונג, לומפ, לאַבוס, אויסוואַרף.

1898 " דו באטיער=יונג! — שקייט שיינדל. - פרווו נאר
און שלאג מיך, וועסט שוין זען, וואס איך קאן טון". 272
מ.מ. אויזערקיס, דער פריוואטלעהרער, IV, דראהאביטש,
ז' 105.

1953 " [...] איך זא זול בענקארטס שענק מיט די באטיארעס
דארטן ". ק. הייזלער, קומארנער פארשוינען, 279
נ"י, ז' 37.

1958 " ריקל, 'עסט זען, דער שאַלטיק, דער באטיאר דיינער
וועט האבן א בראך, א שווארצן סוף". ב. רעסלער, 267
דער שוסטער, זש איק, ר"ה = נומער, ז' 53 - II.

=ניע -- די, =ס. ( שגל ) קאפעהויז אין געטא
פון סקאלאט | מג ? |.

1948 " אין סקלאַט האָט דער 'יודענראַט' געעפנט צוויי קאַפּעהייזער כדי צו האָבן אַ סטאַבילע הכנסה. אַהין פלעגן קומען די לעבעדיגע, וואָס געלט האָט בײַ זיי קיין ראָלע ניט געשפּילט; האָט מען די דאָזיקע צונויפקום=ערטער גערופן באַטיאַרניעס". א. ווײַסבראָד, עס שטאַרבט אַ שטעטל, מינכען, ז' 33. 273

אַלמוסניק(?) פּראָצענט(?) פּריוו. 2" עקוד

באַטיושקאַ -- דער, [מצ ?]. פּאַפּ, אָרטאָדאָקסישער (פּראַוואָסלאַוונע, רוסישער) גלח, ס'רוב געניצט אין אַ ווענדונג צום גלח; פּאַפּאַ. R: Батюшка (?נ)

1937 " דער פּאַפּ פון דאָרף, וואָס לאָזט זיך אַנדערש ניט רופן ווי אַ 'באַטיושקאַ' פּיטלער". ד. פּוכאַלסקי, הינטיש בלוט, וואַרשע, ז' 7. 281

באַטיטלען -- טרוו. געבן אַ טיטל, אַ נאָמען; טיטולירן.

1908 " מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער פאַרפאַסט אַ געדיכט, וועלכעס ער | מ. ראָזענפעלד | האָט באַטיטלט ' די זעלנערײַ". א. האַרקאַווי, פּאַרוואָרט צו מר, שריפטן I, נ"י, ז' VI. 289

1930 " אברהם אבינו, ע"ה, נאָכן בײַשטיין דעם שרעקלעכן נסיון, אַזוי איז ער דעמאָלט ערשט באַטיטלט געוואָרן מיט דעם טיטל 'ירא אלקים '". ב. א. לאַנגער, מעלפת ספּירים, לבוב, ז' 19. 282

1951 " די דאָזיקע ' אמניות דאָקטאָריע הנקראות אַקאַשערקעס', ווי מען האָט זיי באַטיטלט אין פּנקס פון דער ווילנער קהילה, זענען געווען ~~אַ~~ די ערשטע יידישע פּרויען אין ליטע, וואָס האָבן אויף זיך גענומען אַ פאַלקס=מיסיע ". י. שאַצקי, זבֿ ליטע I, נ"י, ז' 712. 286

22 - הוט (אבב) באטייטונג.

באַטײַט -- דער, =ן, פּפּ (דטשם) באדײַט / באדײַטונג,

1. טײַטש (פון א װאָרט, אױסדרוק). % פּינקטלעכער, בערכדיקער באַטײַט. דירעקטער, פיגוראטיװער באַטײַט. דער װערב ׳באַנעמען׳ האט עטלעכע באַטײַטן.

1895 " דאס [ װאָרט ׳געפּילסמענטש׳] האט דא די באדײַטונג

פון נאריש, [...], פון װײניק בר=דעת ". זש׳ דער 324

אמת, באסטאן, [אז] / 27.

1935 " [...] דאס האט, [...] געקריגן אן אפּשפּיגלונג

אין דער שפּראך, דערהױפּט אין [...] װאָרט באַטײַט 322

און װאָרטבאנוץ". זש׳ אפּנ שפּראכפּראנט, זאמלונג, באה- 444

3 - 4, קיעװ.

1955 " בײַ אונדז אין סאניק גאליציע, האט מען אזעלכע

אױסדרוקן פאר א מענטש, װאס ~~[illegible]~~

טויג צו גארנישט: א [...] א שלימזל, א פּלעדערװיש, 305

א למך, [...] א קאליקע [...] און אפשר געװען נאך באב- 523

אױסדרוקן מיטן זעלביקן אדער ענלעכן באַטײַט".

ב. ראבאך, יישפּ, [יא]-3, ז׳ 94.

2. זינען, מיין, אינהאלט, תוך. % פארמעלער באַטײַט. סימבאלישער באַטײַט. נאר דער, װאס האט אליין געלעבט אין געטא, װייסט דעם אמתן באַטײַט דערפון.

1820 " און דער אנדערער ענין איז [...] דאס **באטייטונג**
פון די מצות צו שטעלן מיט איין קערצן דרך ". 348
חה 2, סדילקוב, דף ה - 2.

1910 " כּאַאַס [...] איז א שרעקלעך ווארט, דער וואס
באגרייפט איין מאל זיין **באדייטונג**, יענעם ווערט * 328
אוועקגערויבט דער שלאף פון די אויגן ". דא, שווארץ=
רויט, ווארשע, ז' 16.

1964 " אויך מיר קינדער, וואס האבן נאך נישט תופס
געווען דעם **באדייט** פון דער דאזיקער מורדישער ידיעה 298
אין איר גאנצער טיפקייט ". ז. שזר, טמז, IX/29

3. ווערט, חשיבות, וויכטיקייט. % וואגיקער **באטייט**.
היסטארישער **באטייט**. באקומען/ האבן/ קריגן א **באטייט**,
ס'איז ניט אפצושאצן דעם גרויסן **באטייט** פון מדינת
ישראל פארן יידישן פאלק. די דאזיקע געשעענישן
איז אָן **באטייט** פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג *

1908 " אזוי ווי די קאטוילישע קירכע האט באקומען
**באדייטונג** [...] איז פונעם יידישן גליק געווארן 322
א חל". א. פאסטיב, יודישער קאלענדאר לשנת תרס"ט,
לעמבערג.

1948 " דערצו איז קנאפ פאנטאזיע נאך פאראנען, // און
יעדער פרווו וועט בלייבן אָן **באדייט**". 299

1951 " מיטן אויפקום פון די באנען האבן די קאנאלן פיל
פארלארן פון זייער **באטייט** פארן פארקער". 303
א. קאצענעלנבאגען, זב ליטע I, נ"י, ז' 309.

1959 " אין דער אמתן האט עטינגער אי שפראכלעך, אי קינסט-
לעריש [...] א סך א גרעסערן **באטייט** ווי אקסנפעלד". 315
שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 301.

4. ( מאט ) כמותדיקער ווערט פון א גלייכקייט/אומגלייכ-
קייט, פונקציע | טערמינאלאגיע, די נייע שול, 311/345
ווילנע, 1920. ז' 8-7.

0 באטייטפול -- אדי / אדוו. וואס האט א גרויסן,
טיפן באטייט.

פּפּ (נישט) באַדײַטיק.

באַטײַטיק -- אדי/ אדוו, וואס האט א באטייט
( אלע בּבּ % באטייטיקער ווארסטייל. ער האט געגעבן
עטלעכע באטייטיקע באמערקונגען.

1930 " דער צווייטער דור איז אגב נים דער באטאַטיקסטער".
איבז ים, פֿון טאמאס מאן, טאניא קרעגער, קאוונע, 356
הקדמה.

1936 " [...] מיר גרייזן בכלל, אויב מיר ווילן פארניצן
ווי באטייטיק אט די גלייכקייט פון אנרוף". איבז מוו, 355
פֿון ז. פרויד, ארייכפיר אין פסיכאאנאליז, ווילנע, ז' 79.

|| באַטײַטיקייט

||=(ק)ייט. — די, בכל. אויגנשאַפֿט צו האָבן אַ באַטײַט.

1935 " אין די צוויי פארמען 'הפרטע' און 'חברה' שטעקט
אַ ים באטאַטיקייט פאר געוויסע גרופעס מענטשן". 357
מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. ווילנע, ז' 63.

0 פילבאַטאַטיק -- אדי/ אדוו. וואס האט א סך באטייטן.
% דער ענטפער איז געווען פילבאטייטיק און מע קאן
אים טייטשן ווי מע וויל.

-25- באזל

באטײַטלעך אדי/אדוו. 1. וואס האט א באטײַט, באטײַטיק, אינהאלטלעך.

"די באטײַטלעכע זײַט פון דער שריפט פאלט צונויף |...| מיט דער באטײַטלעכער זײַט פון דער 1929 360

ריידשפּראך |...|". א. זארעצקי, קורס פון יידישער שפּראכ, קאפ. 14, [כארקאוו? מאָסקווע!]

2. (ארכ) בײַטלעך, קלאָר, בפירוש.

ם ביטײַטליך

<------- 2.

1713 " אונ׳ אויף די פינף חומשים פון דר תורה דיא דא איז איין אייביג לעבן, דיא זיינן גישריבן אונ׳ ביטײַטליך אין דעם ספר בראשית". מחזור, חלק שני, שלש רגלים, אמשטרדם, דף עד - 2. 361

(26) - באַיט

באטייטן -- אוטוו, פאר באטייטש, פפ (דטשמ,) באדייטן. 1. האבן דעם טייטש, איז טייטש (א ווארט, פראזע אע), % דער ווערב 'באנעמען' באטייטש סיי 'באגנבענען' סיי 'פארשטיין', תופס זיין מיטן שכל. דאס ווארט 'אפשר' באטייטש אין יידיש עפעס אנדערש ווי אין העברעיש.

1818 " ווען איינער שרייבט איין אות מיט איין איבער שטרעחיל עס זאל בטאייטין א גאנץ ווארט, דהיינו איין קוף מיט א שטרעחיל מאכט קרבן ". [איבז ? ], הקוני שבת, אוסטראה. 378

1937 " דער מיקראב הייסט אויף לאטיין באטאליינוס, וואס באטייט 'פון ווורשט' [...]". פגעז, ווילנע, נ' 7 - 8. 78/378

1942 "'בובעלע' באטייט ניט לאטקע, ווי דאס ווארט ווערט פארשטאנען אין פוילן, נאר ס'האט דעם זינען פון ווארט כרעמזל |...| ". י. ווייינבערג, א פעקל ווערטער פון דער אלטער קראקע, יישפ II,- 1, ז' 15. 2579-ב/304

2. מיינען, האבן דעם זינען, איבהאלט. % די יידן האבן שוין געוווסט, אז אוישוויץ באטייט אומקום.

1873 " אהא! – האב איך ביי מיר געטראכט. – אט וואס איר זיפץ באטייט! זי זיפצט פשוט, וואס דערגייט איר נישט די קישקע |...|". ממוס, די קליאטשע, ווילנא, קאנק: 61310.

1910 " שאט! מיר דארט – איך הער פון ווייטן, // עס רירט זיך עפעס דארט אין גאס...// וואס זאל די זאך באדייטן?". פרוג, שריפטן !!, נ"י, ז' 240. 367

1966 " וואס אטאמקראפט באטייט – אין דעם בין איך נאך רוי.// היינט וועט וועט זיין מיר קלאר, ווי זי באהערשט דעם רוים?". האל, מיין אוצר, מאסקווע, ז' 153. 308 / בטה 431

3. ( ארכ ) האבן א ווערט, זיין וויכטיק, שפילן א ראל.

... " אלע קלוגע אומות וווּנדערן זיך אויף פארצייטן, // ווי האט מען געקענט גלויבן, אז כישוף זאל עפעס באטייטן". י. אקסענפעלד, די גענארטע וועלט !, ציט סאוו' אויסג, מאסקווע, 1931, ז' 239. 398

1864 " און וועלכער פרינץ וועט וועלן רעגירן אויף אזעלכע קאנדיציעס? וואס וועט ער דעמלט באטייטן, נאר ווי א שמעקן אין יענעמס הענט". קמ, נ' 43, ז' 650. 400

4. טרוו. ( ארס ) אנווייזן, אנדייטן, דערקלערן, אויסטייטשן.

1883 " |...| האבן געהייסן ארויסרופן דעם רבינס טאלמאטש באדייטן זיי די אורזאך פון דעם טומל ". ש. וואלצינאק, רבי יוחנטשע, ווארשא, ז' 29. 373

.............................................

באמ: אפשר איז דאס סתם א פארגרייזונג?

.............................................

באט - 28.

בעטייטן‏ =עכץ -- דאס, =ר. ( איר ) באטייט, מיין, באשייד.

1956 " [...] עפענען רעטעניש זייערע באטייטער".

יג, פון מיין גאנצער מי, נ"י, ז' 232. 427

ם ביטייטין / בטייטן

-------> 1.

1724 " דען סוד אונטר דיא לייטן, // וואש דאש ווארט

חזן טוט בטייטן. // ( חז"ן ) איז לשון חזון, וואר 395

זאגן [...]" יואל חזן, ריח ניחוח, פיורדא, צ׳ט

י. שאצקי, אמ' פנקס I , נ"י 1927 - 1928, ז' 191.

-------> 2.

1610 " אונ' וואורד צו איין שלאנג, דאז ביטייטיט

דאז ער דר צילט האט לשון הרע [...] ". סח, רשי, 304 / באג-1767

שמות, ד - ג, פראג.

1728 " איין רויטר דיקר שתן ביטייט היץ אונ' פיל גבליט

[...]". סור, פיורדא, דף יז - ב - I . 379

-------> 3.

1752 " דז איז ניט צו גלייכן צו איין העמד אז מען

דרויף טראגט ווילינה [=וואלענע] קליידר דש האט 381

נישט צו ביטייטן |איז ניט ווישטיג| דעם ווען

מן אויש ציהט דאש איבר קלייד בלייבט דאך דש העמד

אויף דעם לייב". עח, פיורדא, תפ"ח, דף לא - 3.

--------> 4.

1544 |...| ער לאכט מיט גרוישן קרעפטן אז אונש

דש בוך [ספר שמואל] בידוייט". שב, ספרי 390. 372

1648 " זייך אורטל וואורד צום טוט גידאכט // אז איך

אייך ווייטר וויל ביטייטן". מגילת ווינץ, אמשטרדם , 407

דף 39.

ביטייטונג.

1626 " (ומה שמץ) אונ' וואש איז דאש טייל ביטייטונג

דש געהיארט איז פון הש"י [...]". סהם, חו' - יד. 344

1679 " |...| אונ' איין איטליכר טרוים [חלום] האט

זיין ביטייטונג". בליץ, בראשית ... 346

395 חזן טוט בטייטן. // ( חז"ן ) איז לשון חזון, וואר

זאגן [...]" יואל חזן, ריח ניחוח, פיורדא, ציט

י. שאצקי, אמ׳ פנקס I , נ"י 1927 - 1928, ז׳ 191.

2. <-----

1610 " אונ׳ וואורד צו איין שלאנג, דאז ביטייטיט

304 באג-1767 דאז ער דר צילט האט לשון הרע [...] ". סה, רשי,

שמות, ד - ג, פראג.

1728 " איין רויטר דיקר שתן ביטייט היץ אונ׳ פיל גבליט

379 [...]". סור, פיורדא, דף יז - ב - I .

3. <-------

1752 " דז איז ניט צו גלייכן צו איין העמד אז מען

381 דרויף טראבט ווילינה [-וואלענע] קליידר דש האט

ניטט צו ביטייטן [~~איז ניט ווינציג~~] דעם ווען

מן אויש ציהט דאש איבר קלייד בלייבט דאך דש העמד

אויף דעם לייב". עח, פיורדא, תפ"ח, דף לא - 3.

4. <-------

1544 |...| ער לאכט מיט גרוישן קרעפטן אז אונש

372 דש בוך [ספר שמואל] בידוייט". שב, סטר׳ 390.

1648 " זיין אורטל וואורד צום טוט גידאכט // אז איך

407 איך ווייטר וויל ביטייטן". מגילת ווינץ, אמשטרדם ,

דף 39.

ביטייטונג.

1626 " (ומה שמץ) אונ׳ וואש איז דאש טייל ביטייטונג

344 דש גהיארט איז פון הש"י [...]". סהמ, חו׳ - יד.

1679 " |...| אונ׳ איין איטליכר טרוים [חלום] האט

346 זיין ביטייטונג". בליץ, בראשית, מ - ה.

1716 " דש אנדרי איז צו שטעלן דיא ביטייטונג פון דיא

באט-348 מצות אין איין קארצן דרך". חה I, אמשט, דף ב-1.

||ביטייטניש -- דאס, =ן. אנווייזונג, אנדייטונג.

1610 " דיז דרייא מולט. איין ביטייטניש דוא ביגערשט

410 אויש צו ריישן איין ( אומה ) דיא דא איז ווייערן

| פייערן | דרייא מולט אים יאר". סה, רשי, במדבר,

כב - כח.

28

ב אַ ט ײַ ט נ ד י ק -- אדי / אדוו, פפֿ ( דטשמ )

באדייטנדיק / באדייטנד. 1. גרויס, קענטיק,

זעעוודיק אין סכום, מאס, פארנעם. % דער שותף

האט אריינגעלייגט אין געשעפט א באטייטנדיקן קאפיטאל.

זיי האבן געפטרט אויף דער רייזע א באטייטנדיקע

סומע געלט.

1908 " ביי דעם ערשטן מאל איז די אויספליסיקייט [ניט]

קיין באדייטנדע, דויערט פון 2 ביז פיר טעג". 411

[איבז + ?], עצות פאר דעם פרויען לעבן,

ווארשא, ז' 18.

1921 " יעדע פֿאר פרישע וועש [...] שטעלן באטייטנד

אדוו אפּ די צעשפרייטונג פון דער מגפה [...]". 414

איבז ל. יאכנאוויטש, ד. זאבלאטני, אנשטעקענדע

קרייניק, אדעס.

1947 " אזוי האבן מיר געשטיצט מיט באדייטנדיקע סומעס

דעם געווערקשאפטן=קאמפיין פארן ארבעטנדיקן [...] 423

ארץ=ישראל". מ. צעשינסקי, יזב טשענסטאכאווער יידן,

נ"י, ז' 307.

2. חשוב, וויכטיק, אנגעזען.

1912 " איך קאן אצטער צורעכענען צו זיי נאך א באדייטנדן

יידישן דענקער [...]". זשיט, שריפטן II, נ"י, 413

ז' 181.

1951 " דער צגווהקס איז דער עיקר מחמת דעם וואס די

שטאט [ווילנע] ווערט אלץ מער א באטייטנדיקער 419

אדמיניסטראטיווער [...] צענטער". א. קאצענעלנבאגען,

זב ליטע I, נ"י ז' 290.

1959 " יעדער באדייטנדיקער [שרייבער] ביי אונדז [...]

איז אויסן געווען צו בויען ( און איבערבויען ) 418

דאס לעבן, נישט נאר צו שאפן קונסט". שנ, קריטיק

און קריטיקער, ב"א, ז' 192.

29 - באַטיט

באַטײַטפּול -- אדי/ אדוו. וואס האט א גרויסן באַטײַט, זייער וויכטיק, האט א טיפן זינען.

% באַטײַטפּולע רייד. אין דעם בריוו איז דא א באַטײַטפּולער רמז אויף דער לאגע אין רוסלאנד.

באַטייליקן זיך -- אוטוו. בײַזײַן און/אין אדער מיטווירקן אין א צונויפקום, אקציע, געשעעניש; אנטייל נעמען. % באַטייליקן זיך אין ... אין דער פארזאמלונג באַטייליקן זיך א סך מענטשן. א סך יידן האבן זיך באַטייליקט אין דער רוסישער רעוואלוציע.

1909 " [...] אין דער סינאגאגע זאלן אונטערגעריכטעט [געלערנט] ווערן אויף סינאגאגאלע רעספאנזן, כדי די אלע קינדער זאלן זיך באַטייליקן ביים [אין] שבתדיקן גאטעסדינסט ". פ. מינקאווסקי, מאדערנע ליטורגיע [...], אדעס, ז' 249.

1959 " עס האבן זיך באַטייליקט [אין דער באראטונג] די פארשטייערס פון דער אנפירערשאפט פון 'צישא'". ימ, יישפ XIX-3, נ"י, ז' 91. 446

1970 " געוויסע פראפעסארן, וואס זיינען באַטייליקטע פּאַרטיי אין די גאסן=ראיאטן, זיינען נאך אלץ אין דער סטאדיע פון קינדער [...]". יג, טמז, VII/11. 434

437
ביי-3798

||באַטייליקונג -- די, =ען. דאס בײַזײַן, אנטייל אין א געוויסער אקציע, געשעעניש. % באַטייליקונג

אין [...] מיט דער באטייליקונג פון [...] די באטייליקונג
פון דער יוגנט אין דער ספארט=פארמעסטונג איז א גרויסע.
דער קאנצערט איז פארגעקומען מיט דער באטייליקונג
פון בארימטע זינגערס.

1943 " פארבעטן האט דעם בייטעם פון פריינדלעכקייט,
באטייליקונג און דערווארטונג פון גוטס [...]". 432
לע, קוד, נאוועמבער. ביי- 3776

1948 " די אלגעמיינע איינאיבונגען [=געניטונגען]
פלעגן [...] פארקומען מיט דער באטייליקונג פון אלע 433
טורן=גרופן". ל. לייטוז, זש גאפ, נ' 10, ב"א,
ז' 28.

באטייליקט זיין -- 1. | סטוטש 477 | דזוו.
באטייליקן זיך.

2. זיין א שותף. % ער איז באטייליקט אין דער באנק
מיט א היפשן קאפיטאל.

באטיילן --- טרוו. פארטיילן א געוויסע זאך
צווישן א סך/ עטלעכע מענטשן. % באטיילן מיט [...].
אויף דער שמחה האט מען אלע קינדער באטיילט מיט ניס
און לעקעך.

1870 " אז מע הייבט אן באטיילן דער חברה, די שמשים,
די נושאים, דעם רב - בלייבט ניט אויף תכריכים". 459
קמ, נ' 23, ז' 165 - !!.

1895 " פרעגט אים [דעם אורח] דער בעל=הבית: אפנים
אז א צדיק האט אזוי פיל געלט, אז ער האט יעדן צו 455
באטיילן?. דער אורח |...|: ער האט צו באפעלן איבער
קורחס אוצרות" אמעריקאנישע גליקן,
ווארשא, ז' 6.

1941 " ווען דער אייבערשטער האט באטיילט די אומות
[...]". תי, דברים, לב - 8. 457

||=ונג. =ער ( =ין, קע ). =עכץ. =עניש.

ם ביטיילן

1625 " ( חבלים ) אונ׳ די טייל דז צו זיא ראוי זיין
זאל זיא גוט ביטיילן מיט זיינים צורן". סהמ, איוב, 454
כ״א - י״ח.

באטיכלט -- אדי. ( שנש? ) אנגעטאן אין א טיכל, פאטשיילע. באטיכלטע פנימער. באטיכלטע יידענעץ
פּאַרשט ליק און קיק.
1963 " [...] און ניט צומאכנדיק די טיר האט זי צוריק
אריינגערוקט דעם באטיכלטן קאפ און אריינגעשריגן 459
[...]". זש, טמז, X /27.

באטינופן ‖ [באטינעפן] — טרוו | מארק ווב 1353|.
באדעקן מיט טינוף, צואה. % די פערד באטינופן
דעם גאנצן הויף.

באטינטלען -- טרוו. ( שש ) 1. פארשמירן,
פארפלעקן מיט טינט. % דאס קינד האט באטינטלט דעם
גאנצן העפט.

2. שרייבן מיאוס, שלעכט. % מען קאן גאר ניט איבע -
לייענען וואס ער האט באטינטלט אין בריוו. ? נ ? 519
באטינקעווען -- טרוו. באדעקן מיט טינק,
שטוקאטורקע (ליים, צעמענט, וואפנע אע ). פרוב
% די ווענט זיינען שוין באטינקעוועט, מע דארף זיי
נאך אפקאלכן אדער מאלן.

באטינקעס -- די, מצ. ( רוסיצ, נא ) דאמענ-
שיך, טופליעס. ? נ ?

1900 " זי מוז מיט כל אמצי כוחות געפינען א חתן,
און מיטל דערצו: א שיינע קלייד, |...| פיינע באטינקעס ,
שפאצירן [...] ". מ. גאטטליעב, זייט געזונד,
נ׳ 4, ווארשא, ז׳ 5. ? נ ?

ב א ט י ס ט -- דער, בא. זייער א דין געוועב פון לייוונט=פעדעם ( לייוונט=באטיסט ) אדער פון באוול= פעדעם ( באוול=באטיסט ), ווערט געפארבט אדער באדרוקט מיט פארשיידענע מוסטערן, גענוצט פאר פרויען=קליידער.

1814 " [...] מיט פיין בעט גוואנט האביך מיין בעטל שיין פאר בעט, אויס גהעפט אויף מצרימישן באטיסט ". 471/א
מס. משלי, תקע"ד, ז- 15.

... "אויב איין שניט, אַן געסטקעס [...] פון באטיסט, וועט אויסגיין צו פופצן העמדער ". ממוס, דער פריזיונג.

1974 " זי האט בדעה געהאט אוועקצוגעבן אין אפגעטראגן בלוזקעלע פון בלויען באטיסט". י. עלבערג, אויפן 468/א
שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 177.

ב א ט י ס ט ן -- אדי. וואס איז פון באטיסט.
% באטיסטענער קאָלנער. א באטיסטענע בלוזע. א באטיסטן קראַגעלע.

1847 " נאר די באטעסטני קליידער וואס פון לאנד מצרים הער אויסקומען די ווערן מיט איין וויינציג פלעק 473
גיפלעקט". א. פאוויר, גדולת יוסף,ווארשא, ז' ב - I.

1926 " ער איז געלעגן [...] אין א צעעפנט באטיסטן העמד". אפּא, גנו I, ווילנע, ז' 198. 471

" ער האט [...] ארויסגענומען א זויבער באטיסטן [1973 ?] נאָזטיכל [...]". ח. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן" 468
III, תל־אביב, ז' 147.

ב א ט י ס פ ע ר ע -- די, =ס. 1. ים=טיפענייש.
% פאראן פיש וואס קאנען לעבן נאר זייער טיף אין ים, אין דער באטיספערע.

2. מכשיר צו מעסטן די טיף פון ים. % די באטיספערע האט געוויזן, אז די טיף פון ים איז אויף דעם ארט 500 מעטער.

ב א ט י ע ר -- ----> באטיאר.

ב א ט י ע ר ע ו ו ע ן -- אטסוו. ( שש ) 1. זיך אויפפירן אומאנשטענדיק, ווי א באטיאר, פראווען לאָבוזעוואטע שטיק. % הער אויף צו באטיערעווען און ארומשלעפן זיך איבער די שענקען!

2. ( שפאסיק ) שטארק שטיפן, קאמאנדעווען ( וועגן קינדער ). % חברה קונדייסים קערן איבער די וועלט, באטיערעווען א גאנצן טאג. ג/ב/482

ב א ט י ק -- דער, בא. ספעציעלע טעכניק צו פארבן זיידענע און לייוונטענע שטאפן מיט מוסטערן.

ב א ט י ק -- דער, =עס. פפ זן באציק. מין פרויענשוך מיט הויכע כאליעווקעס. % ווינטער טראגט זי באטיקעס אויף נידעריקע קנאפל.

1872 " דא איז ניטא אין וואס יום=טוב צו גיין, מען קוקט שוין ניט אויף קיין באציקעס מיט קאלאשן, [טעקסט: קאלאסן]". שלמה קולבאק, מווילנא, דברי שלמה, איידקונען, ז׳ 7.

1935 " אירע ווערטער [...]: "איך דארף באטיקעס, ניט מאגניטבויען מיט דניעפרבויען - האט ער זיך דערמאנט". נויעכ לוריע, א געוויינלעך לעבן, מאסקווע, ז״62. ד/382

ב א ט ל א ז ש א ן -- דער, =עס, פפ פאטלאזשאן/ פאטלעזשאן, באקלאזשאן; אנדערש גערופן אייער=געוויקס

1. געוויקס (Aubergine) פון דער קארטאפל=משפּחה (SOLANACEAE), אין גארטן וואקסן פּאמידארן און באַטלאַזשאַנעס. (SOLANUM MELONGENA)

2. די פּרוכט פון דעם געוויקס, אייער=פאָרמיק, פּיאָלעט אָדער געלבלעך, לויטן מין, ווערט געניצט ווי א גרינס צום עסן. % באַטלאַזשאַנעס זיינען בעסער געזויערטע.

1960 " די ישיבה=בחורים | האבן געלאכט, ווען זיי האבן דערציילט, ווי זיי האבן זיך איינגעביסן אין די באַטלאַזשאַנעס, זיי אראָפּגעשלונגען און זיך נישט א קרים געטאָן ". ש. סימאן, צווייגן, ב"א. ג/482

באַטלי תּש [באַטאַלעסט] -- אדי/אדוו. אנגעטאן, איינגעוויקלט ( ווי ) אין א טלית.

1946 " זיך געשטופּט צווישן באַטליתטע יידן". ייט, פּוילן, II, נ"י, ז' 248. א/482

1956 " באַטליתט | אדוו |, און באתפּילינט,// יידיש פארעקשנט און יידיש פארווילנט". יג, פון מיין גאנצער מי, נ"י, ז' 27. 482

1973 " א ווענגווייזער איז דא יעדער בוים // צו דער שטאט, // באַטליתט מיט תפילות און טרוים". ר. ה. קארן, גק, נ' 62 - 63, ז' 31. 483

באַטן -- טרוו. אנבאָטן, פּירלייגן ( ס'רוב געניצט ביי קויף/פארקויף). % דער קרעמער באַט אים א גוטן פּרייז, אָבער דער קונה קווענקלט זיך נאך.

1864 " ער האט זיי אנגעהויבן צו באַטן געלט" אמד, דער בדחן, ווילנא, ז' 37. 485

ב אַ ט ע ט י ק ו נ ג - די, =ען. (דטשמ)

טעטיקייט, פעולה, באשעפטיקונג.

1912 "די יידישע פרעסע געפינט זיך גאנץ אין די הענט
פון די רוסישע יידן, און גאליציאנער ווערן נישט 494
צוגעלאזט צו קיין שום גייסטיקער באטעטיקונג".
רעד' ג. באדער, יודישער פאלקסקאלענדאר, תרע"ב, ז' 56.

ב אַ ט ע מ ט | באטאַמט | -- אדי/אדוו. 1. מיט א
גוטן טעם, געשמאק צו עסן. % באטעמטער מאכל.
אלע געבעקסן אירע קומען ארויס תמיד באטעמט. |אדוו| .

1882 "עס איז גאנץ גוט אויך מיט דעם קאלק צו לייטערן
דעם בראנדוויין דאס ער ווערט פון דעם ריין און 499
באטעמטער |אדוו| ווי פריער". איבז אל"ק,
| מחבר ?|, דער דאקטער בוך, ווארשא, ז' 11.

1905 "ער פארלאנגט טאקע גוט עסן, עס זאל זיין באטעמט
|אדוו| און קרעפטיק". סדרה 495
שווינדזוכט, נ"י, ז' 8.

1974 "ער האט [...] צוגעשיט א ביסל מער קלייען [...],
ס'זאל זיין באטעמטער |אדוו| און מער נארהאפטיק". 502
י. עלבערג, אויפן שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 112.

2. (פיג) גוט, שיין געמאכט, צוציענדיק.

1919 "אונדזערע 'גענאסן' [די הינט], // ביידע בלוט
באדמט, צופן זיך באטעמט |אדוו|, // קוים מיט 500 / באד-1026
אקרעפ זיי צעגאנען". ר' מרדכילע, משלים,
"היינטישע אחדות",

1958 "האט ער [מארקיש] זיין סאוויעטישן ראמאן
[...] געמאכט א ביסל מער באטעמט |אדוו| מיט 498 / באג-15
א פאר אייגענע ראזשינקעס". שנ. יידישע שרייבער
אין סאוויעטן-פארבאנד, נ"י, ז' 236.

1969 " אן ארויסגעשפילטער זאץ זייגער [ש. דזשיגאנס]
איז א קינסטלערישער און באטעמטער צוזאמענטרעף פון 501
פויליש=יידישן חן [...]". יג, טמז, X/26.

קייט. אייגנשאפט אדער מצב פון האבן א גוטן טעם.

1927 "קעפיר אבער, חוץ זיינע נאראפטיקייט און באטעמטקייט,
קען, ליידער, ניט אויסגעניצט ווערן [...]". 504
מ. לענסקי, מאדערנער פאמיליענקאלענדאר, ווארשע, ז' 250.

באטעמען [באטאַמען] -- טרוו. 1. צוגעבן טעם,
מאכן געשמאק צום עסן. % די קעכין באטעמט די
פיש מיט א ביסל צוקער.

1972 " די יהוד פון אייראבא [=אייראפע] האבן זיך
אויסגעלערנט צו באטעמען זייערע שפייזן מיט שמן=זית". 506
חיין=שמעוני-בערג, גק, נ' 75, ז' 177.

2. ( פיג ) מאכן בעסער שענער, צוציענדיקער. % דער
מגיד האט באטעמט ~~[...]~~ זיין דרשה
מיט שיינע משלים.

1973 " צו באטעמען זייערע רייד [...] האבן טייל תלמידי=
חכמים אריינגעווארפן [...] גריכישע ווערטלעך". 505
מורג, 6, נ"י, ז' 68.

באטעמען זיך -- אומוו. דערקוויקן זיך, פאסמאקעווען
זיך מיט א גוטן מאכל/געטראנק. % די געסט באטעמען
זיך מיט די אויסגעשטעלטע געריכטן און וויינען.

1969 " די בעל=עגלהס האבן זיך אפגעשטעלט ביי דער
קרעטשמע [...] באטעמען זיך מיט גלילעס א זיס=און= 507
